19טער אַפּריל (כ״ז ניסן) — 16טער יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

Registered at the G.P.O.
as a Newspaper.

# DOREM AFRIKE

# דרום אפריקע

חודש־שריפט פון דער דרום אַפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע

אַבאָניר־פּרייז 20 שילינג אַ יאָר

Johannesburg, S.A., April, 1959 | 12־טער יאָרגאַנג, נומ. 4 (128) | יאָהאַנעסבורג, ד״א, אַפּריל, 1959.

מאָנומענט פאר די 6 מיליאָן קדושים, געשאפן פון באקאנטן היגן יידישן קינסטלער הערמאַן וואלד, וואָס זיין אויפשטעלונג אויפן וועסט־פּאַרק בית־עולם אין יאָהאַנעסבורג ווערט איצט פארענדיקט.

די אַנטהילונג וועט פאָרקומען זונטיק, דעם 10טן מיי ד״י דורך דעם כנסת־דעפּוטאַט פון ישר־אל הרב ד״ר מ. נוראָק.

דער מאָנומענט שטעלט מיט זיך פאָר 6 ריזיקע הענט פון דער ערד ארויס מיט פארקלעמטע שופ־רות, וואָס שאַלן צום הימל — דער סימבאָל, אז דאָס אומזיסט־פארגאָ־סענע בלוט פון אונדזער פאָלק אויף איראָפּעס ערד וועט ניט שווייגן. אין צענטער, אונטן, איז דער נר־תמיד אין פאָרעם פון אַ פלאַם, וואָס וועט כסדר ברענען. צו אים, אין דער נידער, קייטלט זיך אראָפּ אין סטיליזיר־טע אותיות לא תרצח.

